# אייער לעבן איז וויכטיג

## וועלכע שריט קענט איר אונטערנעמען צו פארקלענערן אייער סכנה פון אַן אָווערדאָוז?

פרעגט זיך אליין די פאלגנדע פראגן, און קומט אויף מיט א זיכערהייט פלאן צו פארקלענערן אייער סכנה פון א פאטאלע אָווערדאָוז.

### ווער?

**אויב איך גיי אריין אין אַן אָווערדאָוז, וועט איינער דארט זיין מיר צו העלפן?**

- צי זענען דא מענטשן ארום מיך און קענען מיר זיך איינטיילן אין רייעס צו נוצן דראגס?
- צי איז דא איינער וואס קען זיך אומקוקן אויף מיר?
- צי קען איך רופן די "Never Use Alone" (נוצט קיינמאל נישט אליין) האטליין נומער (877-696-1996)?[1]

### וואו?

**אויב איך גיי אריין אין אַן אָווערדאָוז, וועט איינער מיך קענען געפונען?**

- צי ווייסט איינער וואו איך בין?
- אויב איך בין אינעווייניג, איז די צימער וואו איך בין אויפגעשפארט?
- אויב איך בין אינדרויסן, קען איינער מיר זעהן און אנקומען צו מיר?
- איז דא נעילאַקסאָון זעהבאר דערנעבן?[2]

## ווי גרויס איז די סכנה פון אָווערדאָוז פאר מיר?

### וויאזוי?

**וויאזוי קען די וועג וויאזוי איך נוץ דראגס ווירקן אויף די סכנה פון אַן אָווערדאָוז?**

- צי קען איך נוצן דראג איבערקוקן סערוויסעס אדער פענטאניל טעסט סטריפס?[3]
- וויאזוי נעם איך מיינע דראגס?
- צי קען איך נוצן ווייניגער אדער שטייטליך?
- צי קען איך נוצן נאר איין דראג אויף אמאל און זיך צוריקהאלטן פון אויסמישן דראגס?

### וואס?

**וועלכע דראגס, מעדיצינען אדער רוטינעס טוישן די סכנה פון אַן אָווערדאָוז?**

- וועלכע דראג אדער דראגס נוץ איך?
- האט מיין מעגליכקייט צו פארנעמען דראגס זיך געטוישט?
- צי נעם איך סיי וועלכע מעדיצינען פאר אפּיויד באנוץ קראנקהייט, ווי צום ביישפיל methadone אדער buprenorphine?[4]

## אייער פערזענליך-צוגעפאסטע זיכערהייט פלאן קען העלפן פארמיידן אַן אָווערדאָוז.

[1]די "Never Use Alone" האטליין איז טאל-פריי און ארבעט ארום דעם גאנצן לאנד. וואלונטירן זענען אוועילעבעל 24 שעה א טאג, זיבן טעג א וואך, צו בלייבן אויפן טעלעפאן מיט אייך און זיכער מאכן אז איר רעאגירט צו זיי. אין פאל פון אַן אָווערדאָוז, וועלן זיי רופן מעדיצינישע סערוויסעס. אייער אינפארמאציע ווערט קיינמאל נישט מיטגעטיילט מיט סיי וועם חוץ פון מיט די מעדיצינישע סערוויסעס.

[2]נעילאַקסאָון איז א זיכערע און ווירקזאמע מעדיצין וואס קען אפשטעלן און ארומדרייען די אנטוויקלונג פון אַן אפּיויד אָווערדאָוז. רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/naloxone** צו באקומען נעילאַקסאָון.

[3]פענטאניל טעסט סטריפּס זענען א גרינגע מיטל וואס קען אייך זאגן אויב אייערע דראגס אנטהאלטן פענטאניל. פענטאניל פארגרעסערט די סכנה פון אַן אָווערדאָוז. פאר מער אינפארמאציע איבער פענטאניל, באזוכט **nyc.gov/health/fentanyl**.

[4]Methadone און buprenorphine זענען מעדיצינען פאר אפּיויד באנוץ קראנקהייט, און זיי קענען ווירקן אויף אייער מעגליכקייט צו פארנעמען דראגס.ביידע מעדיצינען קענען העלפן פארמיידן אַן אָווערדאָוז. פאר מער אינפארמאציע איבער מעדיצינען פאר אפּיויד באנוץ קראנקהייט, באזוכט **nyc.gov/health/addictiontreatment**.

פאר שטיצע און הילפס-מיטלען מיט דראג באנוץ, פארבינדט זיך 24/7 מיט 988:
רופט אדער טעקסט 988 אדער שיקט א מעסעדזש אויף **nyc.gov/988**.
קאונסעלארס זענען אוועילעבעל 24/7 אין מער פון 200 שפראכן.

NYC Health